STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01761

A YIDISH VOKHNBLAT IN DER TSAYT FUN DER FRANTSOYZISHER REVOLUTSYE

Jacob Shatzky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד"ר יעקב שאַצקי

אַ יידיש וואָכנבלאַט אין דער צײַט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

ווילנע / 1932

ד"ר יעקב שאַצקי

אַ יידיש וואָכנבלאַט אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

ווילנע / 1932

PRINTED IN POLAND

סעפּאַראַטער אָפּצוג פון די ייוואָ־בלעטער,
חודש־שריפט פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט,
באַנד II, נומ' 1 — 2, — סעפּטעמבער 1931

Dr. J. Shatzky: *A jidysz wochnbłat in der cajt fun der francojzyszer rewolucje.* — Tygodnik żydowski z czasu wielkiej rewolucji francuskiej. (Odbitka z Jiwobleter, miesięcznika Żydowskiego Instytutu Naukowego, Tom II, Nr. 1-2, — Wrzesień 1931).

Dr. J. Shatzky: A Yiddish Weekly in the Times of the French Revolution (Reprinted from Jiwobleter, the Monthly of the Yiddish Scientific Institute, Vol. II, No. 1-2,—Septembre 1931).

Drukarnia L. Efrona w Wilnie.

אַ יידיש וואָכנבלאַט אין דער צײַט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

פון ד״ר יעקב שאַצקי (ניו-יאָרק)

1

אין דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו-יאָרק געפינט זיך אַ ביכל, וואָס באַשטייט פון 110 זײַטלעך, קליין 8⁰, און איז אַן אויסערגעווייִנטלעכע זעלטנהייט, אפשר אַן אוניקום*.

דאָס ביכל האָט אַזאַ טיטל:

בעשרייבונג

פון דער פערענדרונג אודר אויף רואהר אין פראנק-
רייך. וואז מאן נענט רעוואליסיאהן פין פאריז
דיא קאפיטאלי אויף דיא פע[ר]זאמעלונג דיא דעפי-
טיהרטע אויז דעם גאנצען קעניגרייך. דיזע פער-
זאמלונג נענט מאן עטא שענערא[1]

פר אללע צייטן פינדעט מאן אלי שריפטע פר גוט. וואן / נור דעם פאפיער
בשמיהרט ווער. יעצונד אבר איזט / דיא גאנצע וועלט ערקלעהרט אונ׳ בעזיצע
גרונדליכע / ווישנשאפט אין פיללע שפראכע. זא ביקענע מיינע / שוואכהייט מיט
ערזוכונג אללי גלעהרטע מיינה / שלעכטע קונצעפט[2] ניט צו שפאטטן. אורזאך
דיא / טייטשע שפראך ניכט בהויבט איזט אין מיינער / לאנדשאפט. זא מוזע מיך
עקזפליצירן[3] דש יעדר גמיינר / אויך פר שטעהן זאל וואש ער לעזין טוהט. דא
מיט פר / עקזקוזיהרט[4] זיך אייערע העפליכער דינער. /

אברהם בכ״ה געטשליק שפייא שמש ז״ל
געדרוקט אין מעטץ אין יאהר ת״ק״ן לפ״ק
1789

פר הער דש דיא ערצילונג מאכע פון דיזה אויף רוהר / זא מוזע ערשט צו ווישן
טאהן אין קארצום דען / ארשפרונג פון דער עטא שענערא[5].

---

* איך דריק אויס מײַן דאַנקבאַרקייט פראָפ׳ אַלעקסאַנדער מאַרקס פאַר זײַן פרײַנדלעכקייט בײַם געבן מיר די מיגלעכקייט אויסצונוצן דעם דאָזיקן וויכטיקן דאָקומענט.

[1] états généraux, ד״ה די גענעראַל-שטאַטן.

[2] אויסשטעל.

[3] דערקלערן.

[4] מוחל זײַן.

[5] צום ערשטן מאָל איז דאָס דאָזיקע ביכעלע מיט דער צײַטונג באַשריבן געוואָרן פון מיר אין

אין דעם בוך זײַנען אײַנגעבונדן אומסיסטעמאַטיש און ניט אין קיין כראָנאָלאָגישן סדר 20 נומערן פון אַ וואָכנבלאַט א״נ **צ ײ ט ו נ ג**, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען באַלד נאָכדעם, ווי דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן.

די דערשײַנונג פון דער דאָזיקער צײַטונג איז אַנאָנסירט אויף דעם לעצטן זײַטל פון דעם בוך, וואָס ענדיקט זיך מיט די געשעענישן פון 4טן נאָוועמבער 1789. דער מחבר פאַרענדיקט זײַן באַריכט פון דער רעוואָלוציע מיטן באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן צו באַשטראָפן אַלע געריכטן און באַאַמטע, וואָס וועלן ניט אויספירן די באַשלוסן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, און גיט צו:

„דא איזט בשלאסן דער 4 נאוועמבר אונ׳ ווייטר פאלגט די ערסטע צייטונג פון דען 5 נאוועמבר געצייכנט פ׳ חיי שרה״.

דאָס גיט אונדז אַ מיגלעכקייט פעסטצושטעלן גענויער די דאַטע ווען דאָס ביכל האָט ערשײַנט: **אָ נ ה י י ב נ אָ וו ע מ ב ע ר 1789.**

2

די 20 נומערן פון דעם וואָכנבלאַט „צייטונג״ באַשטייען אייגנטלעך פון 19 צײַטונגען און איין „בײַלאַגע״ פון אַכט זײַטלעך — ניט קיין דאַטירטער מיט אַ קעפּל: „דיא אייגענשאפט פון דעם קעניג בייא דער אסאמבלע נאסיאנאל דעם 4־טן פעווריע 1790 מיט איינע פאטרעיאטעשע דיסקוהר דא מיט איזט דיזר טאג איינע עוויגליכע דענקונג״. די נײַנצן נומערן, וואָס זײַנען אײַנגעבונדן אין דער „בעשרייבונג״, האָבן ווײַטערדיקע דאַטירונגען (איך גיב זיי כראָנאָלאָגיש און ניט ווי זיי זײַנען אַרײַנגעבונדן אין בוך):

1) פ׳ חיי שרה נעמט אַרום די געשעענישן פון 5—6 נאָוועמבער 1789
2) פ׳ תולדות — פון 7 ביז 11 נאָוועמבער
3) פ׳ ויצא — פון 12 ביז 18 נאָוועמבער
4) פ׳ וישלח — פון דעם 25 נאָוועמבער
5) פ׳ וישב — פון דעם 1 ביזן 5 דעצעמבער
6) פ׳ מקץ — פון דעם 8 דעצעמבער
7) פ׳ ויגש — פון דעם 13 ביזן 18 דעצעמבער
8) פ׳ ויחי — ביז דעם 24 דעצעמבער
9) פ׳ שמות — פון דעם 25 ביז דעם 31 דעצעמבער
10) פ׳ וארא — פון דעם 3 ביז דעם 8 יאַנואַר 1790
11) פ׳ בא — פון דעם 12 ביז דעם 15 יאַנואַר „
12) פ׳ בשלח — פון דעם 16 ביז דעם 20 יאַנואַר „
13) פ׳ יתרו — פון דעם 20 ביז דעם 28 יאַנואַר „
14) פ׳ משפטים— פון דעם 29 יאַנואַר ביז דעם 4 פעברואַר
15) אַ „טאָפּלטער״ נומער: פ׳ תרומה און תצוה פון דעם 4 ביז דעם 18 פעברואַר
16) פ׳ תבא נעמט אַרום אייניקע ידיעות פון 15 פעברואַר—ענדיקט זיך אויף דעם 26 פעבר׳

אַ פּאָפּולערן אַרטיקל: ווי אַלט איז די יידישע פּרעסע? געדרוקט אין „דער טאָג״ (ניו־יאָרק, דעם 23טן נאָוועמבער 1924). דאָרט איז אויך אָפּגעדרוקט אַ פאַקסימילע פון דער צײַטונג.

17) אַ „טאָפּלטער“ נומער: פּ' ויקהל און פּקודי — פון 27 פעברואַר ביז דעם 5 מערץ
18) פּ' ויקרא — פון 6 ביז דעם 12 מערץ
19) פּ' צו (דער לעצטער נומער) פון דעם 13 ביזן 18 מערץ
20) די „בײַלאַגע“ אַרויסגעגעבן אין דער וואָך פון פּ' תרומה (אַן ערך דעם 5 אָדער 6 אַפּר' 1790)
אַלע נומערן האַלטן צו 1 בלאַט (2 זײַטלעך), אַחוץ נומער 15, וואָס האַלט 2 בלאַט (4 זײַטלעך).

וועגן דער „צייטונג“ פאַרמאָגן מיר עטלעכע ביבליאָגראַפישע ידיעות.

דער ערשטער, וואָס דערמאָנט די דאָזיקע צײַטונג, איז קאַרמאָלי (Carmoly)[1]. ער גיט איבער, אַז דער ערשטער נומער האָט ערשײַנט דעם 5 נאָוועמבער 1789 און דער לעצטער דעם 1 אַפּריל 1790, ד"ה אַז זי האָט ערשײַנט פינף חדשים. זײַן אינפאָרמאַציע באַווײַזט, אַז דער עקזעמפּלאַר פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר איז אַ קאָמפּלעטער, וואָרעם אויב עס ווערן באַשריבן די געשעענישן פון 18 מערץ, און פּ' צו איז אויסגעפאַלן אין 1790 אין אַפּריל (17 טאָג אין חדש אדר), איז קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ קאָמפּלעקט פון דער „צייטונג“.

אמת, עס איז פאַראַן איין ראיה קעגן דעם און דאָס איז די צושריפט צום סוף פון דער „צייטונג“ פּ' צו.

דאָרטן לייענען מיר אַזוי:

„נון האבע וויר דיא איסטאַריע פון דער רעוואָליסיאהן אונ' דער אסאמבלע נאסיאנאל פער פערטיגט ביז אן דער ערסטע צייטונג וועלכע גלייך נאך פאָלגט, אונ' קינפטיג ווירד אללע וואוך צווייא בלאט צייטונג נאך פאָלגן“.

דער אַרויסגעבער האָט, הייסט עס, צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן די צײַטונג ווײַטער — אָבער ער זאָגט ניט קלאָר ווען. ער שרײַבט ניט, אַז די צווייטע וואָך, נאָר אין דער צוקונפט (קינפטיג). מסתמא איז ער געבליבן בײַ גוטע ווינטשן און האָט מער די צײַטונג ניט אַרויסגעגעבן, האַלטנדיק, אַז מיט דער דאַטע פון 18 מערץ 1790 פאַרענדיקט זיך די ערשטע תקופה פון דער רעוואָלוציע און מען דאַרף רעפאָרמירן דעם אופן פון אינפאָרמירן דעם יידיש-דײַטשן לייענער וועגן די געשעענישן אין לאַנד.

בכל-אופן די אַלע, וואָס אינפאָרמירן וועגן דער מעצער צײַטונג נאָך קאַרמאָלין, ווי הרכבי[2] כהן[3] (Cahen) און שטיינשנײַדער[4], חזרן איבער זײַן אינפאָרמאַציע, ניט צוגעבנדיק קיין שום נײַע פּרטים.

---

[1] Carmoly. De la thypographie hebraique à Metz. Revue orientale III, 1843–1844. 209–215; 283–289. אין זײַן רשימה פון מעצער דרוקן טראָגט די „צײַטונג“ נומער 46 (אויף ז' 284).

[2] „יעווריעיסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ“ VIII, 29.

[3] Ab. Cahen. Le Rabbinat de Metz de 1567 à 1871. Revue des études juives, XII; 297 [R. E. J.: ווײַטער ציטירט]. עס איז פאַראַן נאָך אַן עלטערער מקור פאַר דער געשיכטע פון די יידישע דרוקן אין מעץ, אָבער צום באַדויערן האָב איך אים ניט געקענט געפינען אין קיין שום ניו-יאָרקער ביבליאָטעק. דאָס איז:

Teissier. Essai philologique sur les commcements de la typographie à Metz et sur les imprimeurs de cette ville. Metz, 1828, 146pp.

[4] שטיינשנײַדער דערמאָנט דאָס ביכל א"ג בשרייבונג מהרעוואלוציאן בפאריז

די שפּעטערדיקע פאָרשער פון דער געשיכטע פון יידן אין מעץ (און
צאָל איז גאָר אַ היפּשע!) און אַפילו די היסטאָריקער פון דעם דאָרטיקן יי
דרוק־וועזן דערמאָנען אינגאַנצן ניט ניט שפּייערס בוך און ניט זײַן צײַט

3

דער מחבר פון „בעשרייבונג" פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע,
רעדאַקטאָר פון „צייטונג" אברהם בכ"ה געטשליק שפּייאר שמש
איז געווען אַליין אַ מעצער ייד, הגם זײַן משפּחה האָט געשטאַמט פון סאַ
(Saarlouis).

דער ערשטער יידישער דרוקער אין מעץ איז געווען משה מאַיי,
האָט געשטאַמט פון מײַנץ [דערפון נעמט זיך זײַן נאָמען: מאַיי איז פאַרקירצ
מאַיין (Mayen)]. דער צווייטער דרוקער איז געווען געטשליק אברהם שפּייאר
אַן איידעם פון משה מאַיי, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן אין יאָר 1775
איז געשטאָרבן אין 1789). ער האָט געהאַט צוויי זין: אברהם און שלמה שפּ
וואָס האָבן נאָך דעם טאַטנס טויט געפירט בשותּפות די דרוקערײַ. דער ערש
איז דאָס דער מחבר פון דער „בעשרייבונג" און דער רעדאַקטאָר פון דער „צייט

די געטשליק־משפּחה (אויף פראַנצויזיש שרײַבן זיי זיך: Gaudchaux)
געווען זייער אַ פאַרצווײַגטע און אַ חשובע. איינער פון זיי, ר' יעקב יצחק
שפּייאר, אַ זון פון אַ פּרנס, איז געשטאָרבן אין יאָר 1738[2]. אייניקע פון זיי
געוווינט אין פּאַריז, זיך פאַרנומען מיט האַנדל און געמוזט, ווי צײַטווײַליקע
ווינער, שטענדיק באַנײַען זייער ווינרעכט[3].

(Die Geschichtsliteratur der Juden § 271) לויט אַ קאַטאַלאָג פון ראַבינאָוויטש, וועלכער פּאַ
זיך ווײַטער אויף קאַרמאָלי. דאָס איז זיכער אַ טעות, ווײַל קאַרמאָלי דערמאָנט אין ערגעץ נ
„בעשרייבונג", נאָר די „צייטונג". דער פאַקט גופא, וואָס ש"ש ווייס פון דעם ביכל דורך ראַבינאָוויט
באַווײַזט אַז דער לעצטער האָט געהאַט צום פאַרקויפן דאָס דאָזיקע זעלטענע ביכל. אפשר איז אונדזער עקזעמ
וואָס שטאַמט פון אלחנן אַדלערס ביבליאָטעק, געקויפט געוואָרן פון ראַבינאָוויטשן.—צו דער ליטע
וועגן דער „צייטונג" זע „המזכיר", (Hebr. Bibliographie) I, ז' 7. (602 ,1) ish Encyclopedia
ווי עס איז ריכטיק אָנגעגעבן, אַז די „צייטונג" איז אַרויסגעגאַנגען אַ האַלב יאָר, אָבער אין דער
(אויף ז' 639) איז אומפאַרשטענדלעכערהייט אָנגעגעבן, אַז די „צייטונג" האָט דערשײַנט פון 1789 ביז
פון דאָרטן איז דער זעלבער טעות אַריבער צו רייזענען אין זײַן אַלטן „לעקסיקאָן" (1913 ז'
ריכטיק איז די צײַט אָנגעגעבן אין דעם איבעריקנס זייער פאַרגרײַזטן אַרטיקל איבער דער יי
פּרעסע אין Jüdisches Lexikon (I,IV). ניט ריכטיק איז כאַראַקטעריזירט אומעטום די „צײַטונג
אַ „פּאָליטיש וואָכנבלאַט". דאָס איז שלעכט איבערגעזעצט געוואָרן דער ענגלישער אַדיעקטיוו "litical
וואָס מיינט אַ בלאַט פאַר פּאָליטישע נײַעס — אָבער ניט קיין פּאָליטישע צײַטונג.

[1] למשל, גינזבורגער אין זײַן אַרבעט prémiers imprimeurs juifs en France
R. E J. LXXXVI, 50–56 (Metz).

[2] קאַרמאָלי אין 283–289, Revue orientale III; גינזבורגער אין J.
LXXXVI, 52–53.

[3] Leo Kahn. Les Juifs de Paris de 1755 à 1759. R. E. J. XLIX, 49, 136.
אין פּאַריז האָבן דעמאָלט געוווינט אַ היפּשע צאָל מעצער יידן.

ווען די רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן, איז אברהם שפּייאַר געווען גראָד אין פּאַריז. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער איז אַהינגעפאָרן טאַקע צוליב דעם אויסבראָך פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ גוואַלדיקן אינטערעס אין פראַנקרייך און איז געוואָרן אַ קוואַל פאַר אַ ריזיקן אויפבלי פון דער אַלגעמיינער פּרעסע און לאַנד[1]. וועגן זײַן אויפהאַלט אין פּאַריז דערציילט אונדז אברהם שפּייאַר גופא אין זײַן באַשרײַבונג פון דער רעוואָלוציע. ער שילדערט די הריגות אויף די פּאַריזער גאַסן אין יולי 1789, און באַמערקט דערבײַ (אויף ז' 74): „וואן איך דיזום ניכט האטט בייא געוואונט זאָ קענטע אויך קיינע גלאבנס דא פון האבן".

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די יידן, וואָס קענען ניט קיין פראַנצויזיש, וועלן זיכער זײַן פאַראינטערעסירט צו לייענען אַ באַריכט וועגן דער רעוואָלוציע. אַליין אַ בעל-הבית פון אַ דרוקערײַ, וואָס איז גראָד דעמאָלט געגאַנגען זייער שלעכט, האָט ער זיכער געהאַט אַלע שאַנסן צו האָבן ערפאָלג מיט אַ באַריכט און אַ פּעריאָדישן בולעטען וועגן די געשעענישן אין לאַנד[2].

4

אַ יידישע אָדער אַ יידיש-טײַטשע צײַטונג האָט צו יענער צײַט געקענט אַרויסגיין נאָר אין מעץ, אין דער דאָזיקער אַלטער יידישער קהילה, ווו יידיש איז געווען די שפּראַך פון כמעט דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג[3]. מעץ איז אַן אַלטע יידישע קהילה, וואָס ציט איר יחוס אַזש פון IX יאָרהונדערט, און מעגלעך אַז נאָך פון פריער. יידישע שפּראַך-דענקמעלער פון מעץ זײַנען פאַרנאָטירט גאָר אין אַ גרויסער צאָל. די תקנות פון דער קהילה זײַנען געווען אַלע מאָל געשריבן אין יידיש. ספּעציעל איז די השפּעה פון יידיש פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך

---

[1] פאַר דעם צונויפרופן די גענעראַל-שטאַטן (אין 1789) איז די פּרעסע אין פראַנקרײַך בכלל געווען אַן אָרעמע. די גענעראַל-שטאַטן האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס, און עס איז געוואָרן אַ נאָכפרעג אויף פּאָליטישער ליטעראַטור. „יעדער, וואָס האָט געקענט לייענען, זאָגט אַ היסטאָריקער פון דער פראַנצויזישער פּרעסע בעת דער רעוואָלוציע, האָט געוואָלט זײַן אינפאָרמירט איבער די באַראַטונגען פון די גענעראַל-שטאַטן אין ווערסאַל און איבער די פּראָגעס, וואָס מען האָט דאָרטן באַהאַנדלט". „נײַע בלעטער און בלעטלעך האָבן זיך פלוצלונג באַוויזן, און אין משך פון אייניקע וואָכן האָבן זיי דערגרייכט צו אַ באַדײַטיקער אויפלאַגע". פון מאַי ביזן סוף 1789 האָבן זיך אין פּאַריז באַוויזן 150 נײַע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. אייניקע פון זיי אין קליין אָקטאַוו, שלעכט געדרוקט—ווי די יידישע „צייטונג".

H. Cunow. Die Parteien der grossen französischen Revolution und ihre Presse. Berlin 1912, p. 40.

[2] קאַרמאָלי, דאָרט: „די רעוואָלוציע האָט צוגעזאָגט די יידן, מער ווי אַלע אַנדערע פּראָווינצן [!], דעם פרייַלעכן טאָג, און אויך זיי באַגריסן זי, וואָס זי ברענגט דעם ליכטיקן טאָג פון זייער עמאַנסיפּאַציע. ווײַל אַ גרויסע צאָל צווישן זיי האָט ניט געקענט לייענען און פאַרשטיין די פּעריאָדישע שריפטן האָט אברהם שפּייאַר אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ וועכנטלעכן פּאָליטישן זשורנאַל אין העברעישע אותיות (caractères hébraiques) א"נ „צייטונג".

[3] „אין מעץ האָט מען ניט אויפגעהערט צו רעדן יידיש פון אָנהייב מיטלעלטער" (ד"ר מאיר הלוי אין די „פילאָלאָגישע שריפטן פון ייוואָ, III, 245).

גזרת ת״ח, ווען אַ סך פּוילישע יידן האָבן זיך דאָרטן באַזעצט. די אָנגעזעענסטע פּוילישע רבנים זײַנען געזעסן אויף כּסא הרבנות אין מעץ; ווי, למשל, משה הכּהן נאַראָל (1648), יעקב יהושע פאַלק, דער מחבר פון „פּני יהושע״, און אַ סך אַנדערע[1]. דער אינטערעסאַנטער באַריכט פון מעצער עלילת־דם אין 1669 איז געשריבן אויף יידיש. עס זײַנען אָפּגעהיט געוואָרן די יידיש־געשריבענע שול־תקנות פון 1689, די תקנות פון דער קהילה פון יאָר 1694, ווי אויך די צירקולאַרן פון 1777 און אַפילו פון 1812[2]. עס זײַנען אויך אויפגעהיט די פאַרבאָטן קעגן לוקסוס אין מעץ פון די יאָרן 1667—90, און בריוו געשריבן אויף יידיש פון 18טן יאָרהונדערט[3]. דאָס קלאָג־ליד אויף „דעם מעשה הגדול והנורא ומהומת מות וואס זיך בק״ק מיץ האט צו גטראגין״ פון 1715 איז זיכער געשריבן פון אַ מעצער ייד — אַן עדות פון דער קאַטאַסטראָפע — הגם געדרוקט מסתּמא אין פראַנקפורט־מאַין[4]. די יידישע דרוקן פון מעץ פון מאַיס און געטשילק שפּייארס דרוקערײַען, ווי דער „אבן ישראל״ (1766), „צאינה וראינה״ (1767), די לוחות (פון 1768 אָן) א״אַנד, זײַנען גוט באַקאַנט און ווערן ציטירט כּמעט אין אַלע ביבליאָגראַפישע האַנטביכער און קאַטאַלאָגן. אַפילו אַזאַ „עמאַנסיפּירטער״ שתדלן ווי סערף־בער (Cerf-Beer) (פון עדעלסהיים) האָט באַנוצט יידיש (שטאַרק פאַרדײַטשט און פאַרפראַנצויזישט), ניט נאָר אין זײַנע בריוו, נייערט אויך אין זײַנע געשעפטסביכער[5].

עס איז געווען, מיט איין וואָרט, אַ יידישע שטאָט דורך און דורך. אין יאָר 1789 האָט מעץ געציילט 2000 יידן, וואָס האָבן פאַרמאָגט אינגאַנצן 15 אייגענע הײַזער. זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען זייער אַ טרויעריקע. זײַענדיק אַ צוואַנציקסטחלק פון דער אַלגעמיינער מעצער באַפעלקערונג, האָבן יידן געצאָלט אַ זעקסטל פון דעם אַלגעמיינעם קאָפּשטײַער. חוץ דעם האָבן זיי געמוזט צאָלן אַ ריי שטײַערן, וואָס זײַנען געווען אויסשליסלעך זייערע אַ „פּריווילעגיע״. — די שטײַער־סיסטעם פון די מעצער יידן האָט פאַראינטערעסירט אַ ריי היסטאָריקער און געשאַפן אַ היפשע און אינטערעסאַנטע ליטעראַטור[6]. איין עקאָנאָמיסט גיט אָן,

---

[1] R. E. J. VII, 220 sq.

[2] R. E. J; VIII, 257–258; II, 303–305; Blätter für jüd. Geschichte und Literatur II, 18–22, 28–29, 37–38.
פילאָלאָגישע שריפטן, III 243—282.

[3] R. E. J. LXXIX, 24; Annuaire de la Société des études juives, I, 75–121.

[4] Brülls Jahrbuch, 1876, 161–65.

[5] M. Ginsburger. Cerfbeer et son époque, 1908; M. Schwab R. E. J. LXI 292–294.

[6] Dr. Netter. Die Schuldennot der jüd. Gemeinde Metz אין M. f. G. u. W. d. J. 1913, 606sq; 1914, 63sq; Clément. La condition des Juifs de Metz dans l'ancien régime, Paris 1903, 112sq.
ספּעציעל זע: Gabriel. Observations sur les Juifs de Metz, 1760, און די שריפטן פון גרעגואַר (Grégoire), טיערי (Thierry) א״אַנד.

M. Aron. Liquidation des dettes de l'ancienne communauté juive de Metz. Annuaire II, 111–135.

בעשרייבונג

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ציטונג

פֿון דיזר וואָך · ט' יאָהר

אַמאבעלין נאַציאָנאַל

[illegible]

אַז איין הונדערטחלק פון רייכטימער האָט געהערט צו יידן, בעת זיי האָבן געדאַרפט צאָלן איין זעקסטל פון אַלע שטייערן. זיי זיינען געווען מערסטנטייל קליינע הענדלער, גאָר ווייניק—בעלי־מלאָכות, אַ פיר־פינף נגידים, וואָס האָבן טאַקע געפירט די „פּאָליטיק" סיי אין דער קהילה און סיי מחוץ איר, ווי די פאַרטרעטער פון דער מעצער „יידנהייט". דאָס איז געווען זייער חזקה פון דור־דורות.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן די גרויסע צאָל כלי־קודש אין דער מעצער קהילה, אין קיין שום פּראָפּאָרציע ניט צו דער באַפעלקערונג, ווי אויך דער ריזיקער בודזשעט פון דער אָרעמער קהילה[1].

די רעוואָלוציע האָט זיי געפונען פאַרשלאָפן, ניט צוגעגרייט. די מעצער יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין פאַריז, און דווקא אין אַ גרויסער צאָל, האָבן בעת דער רעוואָלוציע אַרויסגעוויזן אַ קליינעם אינטערעס פאַר זייער היימישער קהילה, מיטן אויסנאַם פון אַ פּאָר „לאַנדסלייט". די פרומע יידן האָבן זיך אינגאַנצן ניט אָריענטירט אין דער סיטואַציע. דער אַלטער רב ר' אורי פייביש כהן האָט געהאַלטן די זעלבע דרשות אין שול, ווי פאַר דער רעוואָלוציע. דער רעוואָלוציאָנערער „פאַטריאָטיזם" איז אויף זיי אָנגעוואָרפן געוואָרן פון דרויסן, ווי למשל, דאָס אַריינטרעטן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וווּהין מען האָט זיי אָבער ניט צוגעלאָזט[2]. דער איינציקער פּאָזיטיווער עלעמענט פון זייער קאַמף אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע איז די פאַפּירענע מלחמה מיט פּעטיציעס פאַר אָפּשאַפן די גרויזאַמע, פאַרפלאָנטערטע און באַליידיקנדיקע אויסנאַם־שטייערן.

דער ליבערטינישער גייסט פון דער רעוואָלוציע האָט געוואָרפן אַן אימה אויף דער גרעסטער מערהייט פון די פרומע, פשוטע מעצער יידן. דער קאַמף קעגן דעם ריידן יידיש האָט אָנגענומען אַ שאַרפן, מער פּאָליצייאישן כאַראַקטער. אין מעץ האָט מען אָנגעהויבן שלאָגן אין די גאַסן פאַר ריידן יידיש, ביי ישיבה־בחורים פלעגט מען אָפּנעמען די „טעג", אויב מען האָט זיי „געכאַפּט" ריידן „יידיש־טייטש". די יידישע שפּראַך איז אָנגערופן געוואָרן „די סאַמע באַרבאַרישע פון אַלע דיאַלעקטן, וואָס עקסיסטירן אויף דער וועלט"[3]. אויך אונדזער רעדאַקטאָר, ווי מיר וועלן זען, איז אָנגעשטעקט פון דער דאָזיקער חולאת. זיין יידיש איז ניט

---

[1] Netter. l. c.; זע אויך: Archives israélits 1848, 162—64 וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער קהילה. אַ שמש האָט באַקומען 500 ליר אַ יאָר. דער בודזשעט פון דער קהילה איז געווען 48.000 ליר ביי 410—420 משפחות.

[2] R. E. J. XXIII, 85—98; R. E. J. XLIX, 136 sq; R. E. J. XIII, 107; Anshel Napoléon et les Juifs. 1928, p. 13. Monin. Les Juifs de Paris à la fin de l'ancien régime. „הלכה ברורה" מעץ 1793 [אין דער הקדמה אַ פּאָר בלאַסע רמזים אויף דער צייט].
אין פּאַריז זיינען געווען אין 1780 אָפיציעל 580 יידן, פאַקטיש 800; פון זיי מעצער יידן אַן ערך 80.

[3] M. Bloch. L'Alsace juive, depuis la révolution de 1789. Gebweiler 1907, p 8—9; Лозинский, Еврейская Летопись II, 12—13.

דער זעלבער, וואָס מיר געפינען אין אַנדערע שפּראַך־דאָקומענטן פון מעץ
זײַן צײַט. ער וויל זײַן נעענטער צו דײַטש, הגם עס געראָט אים ווײַט ניט און
בלײַבט פאָרט יידיש. עס איז זיכער ניט אַ שפּראַך, וואָס מען האָט גערעדט
מעץ און דער סביבה. און עס איז זיכער, אַז אַ סך לייענער פון דער „צייט
האָבן די שפּראַך אירע ניט קלאָר באַנומען.

דאָס איז די געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַטמאָספערע, וואָס אין
האָט אברהם שפּייאר אַרויסגעגעבן זײַן באַריכט איבער דער פראַנצויזי
רעוואָלוציע און דערנאָך ווײַטער געפירט אין זײַן צײַטונג־בולעטען.

דער באַריכט פאַרדינט אַן אויספירלעכע באַשרײַבונג.

5

זײַן „בעשרייבונג” הייבט אברהם שפייאר אָן פון סוף יאָר 1787. ער
אָבער באַלד אַריבער צו די געשעענישן פון 1788. דאָ איז ער אַ ביסל מער א
פירלעך, אָבער מען פילט, אַז אייגנטלעך איז ער ניט אַזוי פאַראינטערעסירט
געבן די פאָר־תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווי דעם גאַנג פון
רעוואָלוציע גופא. פון אָנהייב 1789 גייען שוין די ידיעות ממש ווי אין אַ טאָג
טאָג נאָך טאָג כמעט, די באַשרײַבונגען פון די געשעענישן אין פראַנקרײַך
און פאַריז בפרט. עס איז געשריבן אויף אַ זייער לאַפּידאַרן, בולעטען־מעסיקן
קורצע ידיעות, קיינמאָל ניט אויסגעטײַטשט, נאָר איבערגעגעבן אויפן סמך
דער דעמאָלטיקער פאַריזער פרעסע. די מקורים, פון וואַנען שפּייאר שעפּט
ידיעות, גיט ער ניט אָן. אָבער אַן אויבנאויפיקע קאָנפראָנטאַציע מיט
דעמאָלטיקער פאַריזער פרעסע באַווײַזט, אַז דער בולעטען פון דער נאַציאָ
פאַרזאַמלונג איז געווען פאַר אים דער הויפּט־מקור, און חוץ דעם צוויי אַנד
צײַטונגען[1].

די זשורנאַליסטישע טעכניק זײַנע איז זייער אַ פשוטע. מערסטנטייל
ער איבער ידיעות, און אַמאָל אין באַזונדערע הערות טײַטשט ער אויס איי
ווערטער, וואָס זײַנען זיכער געווען פרעמד פאַר זײַנע מעצער לייענער. אַזוי, לכ
טײַטשט ער אויס (ז' 16) דאָס וואָרט אַריסטאָקראַט און זאָגט, אַז: „אריסטאק
נעהנט זיך אויף טייטש אויך אזו. דאס קומט פון (אריסטא), דאך אבר ה
זאלכעס דיא גוואלט צווינגר”. צי זײַנען זײַנע לייענער קליגער געוואָרן פון
טײַטש, איז אַ גרויסער ספק, אָבער אַזוי האָט ער זיי געגעבן צו פאַרשטיין
דעמאָלטיקע „פאָליט־עברי”. אַן אַנדערש מאָל (שוין אין זײַן „צייטונג” פ' ו
רעדט ער שוין וועגן „דיא אריסטאקראטעשע טיראַני”.

---

[1] די הויפּט־מקורים זײַנען:
Journal de l'Assemblée nationale ou Journal logographique, Paris, Avril 27
9—Septembre 30 1791 [35 בענד]; Nouvelliste de France: Octobre 1. 1790—23
s 1791.

פון דעם זעלבן מקור שעפּט דער „מאסף” (תקמ"ט 365—371, תק"ן 30—32).

די רעוואָלוציע האָט אברהם שפייארן שטאַרק צעטומלט. ער איז מיטן קעניג, מיט די ליבעראַלן (אוהבי ישראל), איז אָבער אויך אַ פרײַנד פון די רעוואָלוציאָנערן. אין איין אָרט זאָגט ער מעשה-פּאַטריאָט: „ווער מוזן שטערבן פר אונזערי (פּאַטרי) פאטרס לאנד" (ז' 16). די גאַסן-מלחמות שרעקן אים אַ ביסל איבער. דער הונגער פון פאָלק רופט אַרויס בײַ אים רחמנות, אָבער די רויבערײַען געפעלן אים ניט. ער רעדט וועגן „די אייפר פון איהרע בויסהייט" [בייזקייט]. בדרך כּלל איז ער קאַרג אויף באַמערקונגען. ער באַמיט זיך צו געבן וואָס מער פאַקטן.

וואָס נעענטער צום חודש יולי 1789, צום צענטראַלן פונקט פון דער ערשטער תּקופה פון דער רעוואָלוציע, אַלץ געדיכטער איז זײַן באַשרײַבונג, אַלץ אויספירלעכער איז זײַן אינפאָרמאַציע.

אין אויסוואַל פון פאַקטן, ווי אויך אין אייניקע זשורנאַליסטישע „באַפּוצונגען" לאָזט זיך לײַכט פעסטשטעלן די „אָריענטאַציע" פון אונדזער מחבר. אָט איז, למשל, ממש אַן אידילישע באַשרײַבונג פון דער סצענע, ווען דער מיניסטער נעקער האָט זיך געמוזט אָנגעבן אין דימיסיע:

„דיזען טאג וואר דער אהנעהמליכס פון דעם לעבן דעם (הער נעקער). מאן שפראכט דאז דיזור מעניסטר זיין אבשייד נעהמן זאל פון דעם קעניג. פיל פעפל [פאָלק] ווארן ערשראקן איבר דיזור נאך ריכט. צו אבינט בייא דער זיבנטע שטונד האבען זיא זיך בגעבן בייא דעם שלאס האף דעס קעניג צו ער ווארטן דען (הער נעקער). אום אכט אוהר קאמט ער ארויז. יעמרליך פיל פעפל קאם אום איהם ארום מיט רופן פיללע אהן בעטונג פראנקרייך ניכט צו פער לאסען. זיא בלאדט איהם אין זיין האטעל. וויא ער גזעהן האָט דיא ליבשאפט פון דעם פעפל דאריך איהרע אייפפער אונ' מיט וויינן, זא האט ער זעלברט מוזען טרענין פער גיסען. קיין מאלר האט נימאהל אזו קיין פרעמד אונ' טרויאריג טאבלא [בילד] קענע מאכן" (ז' 18).

גאָר אויספירלעך באַשרײַבט ער די שלאַכטן אין די גאַסן אין יענע טעג, ווען מען האָט געשטורעמט באַסטיליע. די באַשרײַבונג פון שטורעמען די באַסטיליע הייבט ער אָן גאָר פײַערלעך:

„נון גשאהט איינע וואונדערליכע פיקטאריע [וויקטאָריע=זיג] דאז דיא פאטרעיאטע [פּאַטריאָטן] אין צייט 4 שטונד אין פאַריז דיא (באשטיל) איין גענומן האבע" (ז' 56).

אָבער די גרויזאַמקייט פון דער רעוואָלוציע איז אונדזער מעצער יידן ניט צום האַרצן. אַזוי, למשל, באַשרײַבט ער, ווי דער המון האָט אָפּגעהאַקט אַ רײַכן סוחר דעם קאָפּ, און כּדי „איהרע נידרטרעכטיגע בויסהייט רעכט צו פר ברענגן, האבן זיי געצוואונגען זיין זון זיין ביים „ספעקטאקל" (ז' 70). אין איין אָרט דריקט ער זיך אויס, אַז די שוידערלעכקייטן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין באַסטיליע, זײַנען געווען די אַרבעט פון די אַריסטאָקראַטן „זונדר ווימנשאפט פון דעם קעניג" (ז' 63). שוין אין דעם אויסוואַל פון שוידערלעכע סצענעס אין און אַרום די

באַסטיליע-שלאַכטן זעט מען, ווי שרעקלעך ס'קומען אים פאָר די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן (אפשר איז ער אַליין בײַגעווען?). אָט ווי אַזוי אברהם שפייאר שילדערט דעם טויט פון דעם פּאַריזער בירגערמײַסטער, וואָס מען האָט בײַ אים געפונען פּאַפּירן, וואָס האָבן באַוויזן זײַן שײַכות מיטן קאָמענדאַנט פון דער באַסטיליע[1]:

„דא דאריך — שרייבט אברהם שפייאר — האט זיך אפינבארט דיא פער זיכרהייט פון דער פאלשהייט דעם בארג מיינסטר [בירגערמייסטער]. עטליכע פון דיא ראהטס הערן וואלטע איהם טעפינטיהרן [דעפענדירן = פאַרטיידיקן] אבר צום לעצטע איזט ער דאך אומטרייא ערקענט ווירן. נאך דיזום האט מן איהם גצוואונגן זיין פלאץ צו קוויטיהרן אונ' מוזעט ארונטר געהן אויף דעם פלאַטץ (דע גרעף). דא בפינדט ער זיך אונטר דיא אויגן פון פיללע פיינדע. עז טעהט אללז מירמיילן [מורמלען] איינר גרייפט איין טעגן [דעגן = שווערד] .דער אנדר איין פיסטאל. אזו טעהט איין שוס איהם צור ערד לייגן. זיין קאפף וואר איהם אב גשניטן. זיין קערפר איבר געבן אהן דעם פעפל [פאָלק] פאל גרימצארן וועלכע זיך אן איהם רעכנע טעהטן [זיך רעכענען = זיך נוקם זיין] אונ זיין קאפף וואר אויף איין שפיס ארום געטראגן" (ז' 56).

אַמאָל נעמט ער אַרויס פון די צײַטונגען זשאַנער-בילדער און גיט זיי איבער אין שכנות מיט טרוקענע פאַקטן. אַזוי, למשל, געפינען מיר בײַ אים אַ באַשרײַבונג, ווי אַזוי דאָס פאָלק האָט אויפגענומען די סאָלדאַטן פון דער פראַנצויזישער גוואַרדיע (אויף ז' 18. — אַן ענלעכע באַשרײַבונג, זיכער פון דעם זעלבן מקור, בײַ היפּאָליט טען אין זײַן: L'origine de la France contemporaine).

די „אַסאַמבלע נאַסיאָנאַל" (נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג) טיטולירט ער: „הערליכי אסאמבלע". מיט גרויס סימפּאַטיע דערמאָנט ער די ליבעראַלע אָנפירער פון דער רעוואָלוציע, ווי מיראַבאָ, גרעגואַר (אין שייכות מיט דער יידנפראַגע) און אַנדערע.

6

ווי אַ מוסטער פון זײַן פּאָליטישער בילדונג וועל איך ברענגען זײַן דער־קלערונג אויף דער דעקלאַראַציע פון רעכט פון מענטש און בירגער. זי איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש און בעל-הבתיש, אַז עס איז כדאַי זי צו לייענען אינגאַנצן:

„דעם 22סטן [אויגוסט 1789] וואר דער בשלוס אויף דער נאטיהרליכע גע־ביהרנהייט דעם מענש (דרא [!] דע לאהם)[2] וועלכע אין 21 ארטיקלע איין געריכט זענן, דיא פר רעדע זענן אין דער פילעסאפי איין גשטעלט, וועלכס בווייסט דז

[1] די דאָזיקע באַשרײַבונג געפינט זיך אויך בײַ טען (II, 39). טען לייקנט אָפּ די שײַכות פון דעם בירגערמייסטער מיטן קאָמענדאַנט פון באַסטיליע און זאָגט, אַז מען האָט בײַ אים ניט געפונען קיין שום קאָמפּראָמיטירנדיקע פּאַפּירן.

[2] די רעכט פון דעם מענטשן.

קיין מענש ניכט מעהר פרייאהייט גהערט אלז דעם אנדרע. אין דעהמע דיא געבארנהייט קיינע אונטר שייד אין דער נאטוהר מיט ברענגט. מאן קאן זיינע גדאנקן אפינבאהרע צו רעדע אודר צו שרייבן, נור אן איין אנדרן קיין שאדן דא מיט צו טאהן. דיא פרייאהייט אין דער האנדעלונג: קויפן צו פר קויפן אודר צו פאברעציהרן, דז קיינר ניכט קאן פער היגדרט וירן אין די געדאנקע זיין גלאבנס; דז קיינר ניכט קאן אויף גהאלטן ווירן זונדר די רעכטע פון די געזאצע; דז קיינר איבר דעם אנדר קיין מאכט האבן קאן וואן ניכט דיא בפעהל אויז דרוקליך דר פר איזט: קיין איין וואנר [איינוואוינער] קאן ניכט אין דר פריזוהן [תפיסה] קומן וואן ניכט פר הער שולדיג ערקענט איזט: וואז ניכט פער באטן איזט פון דיא געזאצע קאן קיינר ניכט פר ביטן. יעדר איינר קאן אללע אמטע בעזיטצן דוריך זיינע טוגנד אונ׳ קוואליטעטע. ווען איינר ברופן אודר געהאלטן ווירט דאריך דיא גבראך פון די געזאצע אזו מוז אונטר טעניג זיין אונ׳ איינע ווידר שטעלונג מאכט איהם שולדיג. אונ׳ נאך עטליכע ארטיקל וואז דיא רעלישיאהן [רעליגיע] בלאנגט" (ז׳ 87—88).

און אָט איז ממש אַ „יידישלעכער" נוסח פון באַריכטן אַ פאַקט. שפייאר דערציילט, ווי אַזוי די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט געוואָרט אויף דעם קעניגס תשובה בנוגע די באַשלוסן, וואָס די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען.

דעם 19 סעפטעמבער 1789 איז דער פרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג געפאָרן צום קעניג.

„דער פרעזידענט איזט גלייך אהין גגאנגן—דערציילט אונזער „זשורנאליסט". — די אנטווארט פון דעם קעניג וואר אין דיזע ווארטע. קומט מארגן א בינד, ווירדע איך איהמע אנטווארטן אויף וואז ער מיר פאדרט אין נאמנס דער אסאמבלע. דער קאנצלר פראגט דעם קעניג אויב דער פרעזידענט אן דער אסאמבלע פערזיכרע קאן זיינע גוטע צו נייגונג, דער קעניג אנטווארטט מיט איין לאכעריג געזיכט: אָ יאָ אללע צייט" (ז׳ 98).

אין צענטער פון אברהם שפייארס אינטערעסן שטייט אָבער די יידן־פראַגע. זי אינטערעסירט אים זייער שטאַרק, און עס איז ניט קיין וווּנדער: מיר ווייסן, ווי אַזוי ס'איז געווען די לאַגע פון יידן אין פראַנקרייַך און בפרט פון די אשכנזים. די ראָלע פון יידן אין דער רעוואָלוציע אינטערעסירט אים זייער שטאַרק. שילדערנדיק דעם טאָג, ווען פאַריז האָט מיט אַזאַ אומגעדולד געוואַרט אויף דעם קעניג לויִ דעם זעכצענטן, שרייַבט ער, אַז אין דער אַרמיי געפינען זיך 230.000 מאַן, און גיט צו:

„עז ווארע אויך יהודים דא בייא. אונ׳ עטליכי ווארע גנאנט צו קאמאנדיהרן דיא קאמפאניע און פלאץ אפיציהרר" [אונטעראָפיצירן] (ז׳ 67).

אין זייַן באַריכט פון 5 אויגוסט 1789 גיט ער איבער, אַז:

„פיללע יהודים וואונהאפטיג אין פאריז האבן זיך אויך אונטער דיא בארגר גארד נאסיאנאל בגעבן. זיא ווארע אין עהרע עמפאנגן. אויך וואר איינר גענאנד

פר קאפיטען[1]. איינר פר אונטר אפיציהרר. דיא בארגר מאכטע קיינע אונטר שייד מיט דיא קאטאלישע".

7

די באַריכטן וועגן דער לאַגע פון יידן אין מעץ, לאָטאַרינגיע און עלזאַס זײַנען ניט נאָר אויספירלעך איבערגעגעבן, נײַערט עס ווערן אויך געבראַכט כמעט פולשטענדיק די הויפּט־פּעטיציעס פון די דאָרטיקע יידישע כלל־טוער, און וועגן יעדן שריט פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג געפינען מיר אַ באַריכט אין דער „בעשרייבונג".

הגם דער דאָזיקער קאַמף פאַר בירגער־רעכט איז גוט באַקאַנט און הגם קיין נײַע פּרטים געפינען מיר ניט אין שפּייארס באַריכט, איז דאָך כדאַי צו לייענען אַן עדות אַ בן־דור, וועלכער האָט זיכער, ווײַלנדיק אין פּאַריז בעת דער רעוואָלוציע, זיך באַגעגנט מיט די פאַרטרעטער פון די „יהודים".

אין איין פּרט איז זײַן באַריכט ספּעציעל אינטערעסאַנט, וואָס ער ברענגט די יידישע נעמען פון די דעלעגאַטן. באַזונדער שטעלט ער זיך אָפּ אויף דער יידישער רעכטלאָזיקייט אין מעץ אין שײַכות מיט די שטײַערן, וואָס די דאָרטיקע יידן האָבן געמוזט צאָלן.

זײַן באַריכט לייענט זיך אַזוי (ז"ז 88–91):

„דיא יהודים פון מעטץ, לוטרינגן אונ' עלזוס האטע נימאהלט דיא בארגר רעכטע. דער מעניסטר וואלטע איהרע שמערצע פער גרינגרן. אלזו האט איינע בפּהל אויז גשיקט אין דעם פערפלאסנע מאנאט אוריל אין דיזע 3 פראווינצע דאז דיא יהודים איינע פערזאמעלונג זאלע מאכן אין דער נעהמליכע אורדענונג וויא דיא אנדרע אמטע געמאכט האבע. אום איין צו ריכטן איהרע (קאיע דע דאלעאנס) [העפטן מיט באַקלאָגענישן=Cahiers de doléances] דאז איז איין מעמארעיאל מיט בעקלאגונג וואז איהנן צו שוועהר בלעשטיגיט אונ' צו נעהנן 2 דעפּיטיהרטע אויז יעדר פראווינץ אונ' דיזע זאלן זיך בגעבן בייא דעם הער (ס ע ר ף ב ע ר) פ' ומ' ר ה י ר ץ ב י ש א, וועלכר פ ר נ ס וואר אין דיזע 3 פראווינצע אום איהרע (קאיעס) אין איינם צו שליסן. אזו וואר דיא בפּהל.

אלזו ווארן ערוואלטי אויז מעטץ אונ' פר דערא לאנדשאפט: פ"ומ ר' ג ע ט ש ל י ק ס י ל נ ע, פ"ומ ר' ו ו א ל ף א ר ש י ל[2].

אויז עלזוס: פ"ומ מהור"ר דוד צינצהיים: פו"מ ר' נ ת נ א ל ו ו י ט ר ש ה י י ם אויז לוטרינגן: פ"ומ ר' מ א י ר ל א נ ד ו י, פו"מ מהור"ר ב ע ר א ר ש י ל[3].

דען 23טען אויגוסטס זענן דיזע דעפּיטיהרטע אין ווערסאיל אהן געקומן. די יהודים אין פאריז הארע דיא ערסטע וועלכע איין (קאיע) אהן גגעבן האבע אן דער אסאמבלע נאסיאנאל דען 26סטן [סעפּטעמבער] אין וועלכם זיא זיך בעקלאגטן וויא זיא יהודים פערניכט אונ' פעראכט זענן דאריך דער אונוויסנשאפט דעס גמיין פעפל אונ' דאריך די אלטע שלעכטע מוטמאסונג.

---

[1] Cf. L e o n K a h n. Les Juifs de Paris pendant la révolution. Paris 1898 151 sq.

[2] געטשליק סילני Gaudchaux, Mayer-Cahen; וואלף ארשיל=Louis Wolf

[3] דוד צינצהיים=D. Sintzheim; נתנאל וויטרשהיים=S. Seligman Wittersheim

מאיר לאנדוי=[Isaac] Majer Marx; בער ארשיל (אויך בער אורשיל מנאנסי אין „מאסף" תק"ן, לא) Berr Isaac Berr (R, E. J. LXXXVI, 4—5),

פון דער בעקלאגונג וואלן וויר זיך ניכט אויף האלטן אום פיל צו שרייבן, בווייל וויר אומגליקליכרווייס דא מיט אויף געבראכט זענן דז יעדר אייגר עטוואש אבזונדר צו קלאגן האט[1].

דיזע פער זיכרע דאז זיא דיספיטיהרע וירן מיט אללע פראנצאזע אויף איהרע פאטרציאטעשהייט אונ' טעהנן אב זאגן דיא הערשאפטע פון יהודים אונ' פאדרן צו זיין געהמליך וויא אללע בארגר אונטר טעניג צו דיא געהמליכע געריכטע אונ' אמטע פאליצייא.

דען 31סטן [אויגוסט 1789][2] האָבן דיא יהודים דעפיטיהרטע אויז דיא 3 פראָווינצע אינס גמיין איין (קאיע) אן דער אסאמבלע אהן געגעבן מיט בעקלאגונג איהרע אומשטענדע דאז אן דיא יהודים אללע האנד ווערק פערבאטן איזט אונ' דיא שווארליכע בצאלונג וועלכע נור פאר דיא יהודים אלליינט דער אויף לאג איזט אונ' אבזונדרליך דיא יהודי' אין מעטץ וועלכע יאהרליך בצאהלן מוזע 20.000 ליוור אן איין הער וועלכר הייסט (בראנקאס)[3]. דיזום וואר אן דיזעם הויז געגעבן אים יאהר 1715. אלזו האפט מאן דאריך דערא נייאע געבארנהייט איהרע ארבייט מיט פערשטענדיגקייט דאז דיא רעכטע ניכט מעהר ערליידן ווירד זאלכע געהמליכע בצאהלונג.

אלזו פאדרן זיא:

1^{0} דאז דיא אסאמבלע זאל אויז פיהרליך ארטייהלן דיא יהודי' צו ערקענן אין דיא געהמליכע רעכטע וויא דיא אנדרע סיטאיען [בירגער=citoyen].

2^{0} צו אפינבאהרע דאז אן דיא יהודי' ערלאבט איזט וואנהאפטיג צו זיין אין דעם גאנצע קעניגרייך אין אללע שטעט, פלעקן אונ' דערפר אונ' ניכט אונטר ווארפן צו זיין געהגן דיא רעכטע אונ' פריווילעגום אונ' געבראכע.

3^{0} צו פערניכטן אויף עביג דיא אייגנטליכע אונ' אונרעכטע בעצאלונג וועלכע וויר ביז יעצא בלעסטיגט ווארע אונ' צו אפינבאהרע קיניפטיג ניכט מעהר אונטר טעהניג צו זיין צו אללע אניף לאג, אלז נור וויא דיא אנדרע סיטאיען.

4^{0} דאז וויר זאלע בהויבטן דיא פרייאהייט דעם גבראך פון אונזרע גלאבנס צו דער האלטן אונזרע (סינאגאג), בעהט הייזר, רבנים, פרנסים אויף דער געהמליכע מאניר וויא אללז הייטיגע טאג בעשטאנד האט.

דיא דעפיטיהרטע פון מעטץ האָבן בייא דיזעם (קאיע) פערמעהרט דיא אפינבאהרונג פון איהרע שולדע, וועלכס דיא בעשווערליכע בעצאלונג פעראורזאכט האט פר וועלכם זיא זעהר בעזארגט זענן, דארויף איזט איהרע אהן בעט איינע נאטוועגדיגע פר זיכט צו געהמן דיזום בעסטענדיג צו מאכן אין דעהמע אללע יהודים וואנהאפטיג אין מעטץ אין אירע צו געהעריגע גאס זענן אלע פערבונדן צו די שולדע. אלזו פאדרן זיא: דאז געארטיילט זאל ווירן איין בפעהל דאז קיין יהודי וואנהאפטיג אין מעטץ ניכט זאל קענן אב ציהן זונדר צוצאהלן זיין טייהל אן די שולדע, זונשטן קענטע דיזע שולטע בלעסטיגן אן איין קליינע טייהל איגוואנר וואו דא בלייבן. אונ' וואן די אסאמבלע אזו איינע ארטיקל ניכט ווערדיג בפינדן זיך דא מיט צו בלעסטיגן אלזו זענן זיא ערזוכט דא פר צו במעכטיגן אונזרע גמיין (קהל) אללע נאטוועגדיגע איינריכטונג צו מאכן אום דער פערזיכרהייט דיא שולדע צו בצאלן:

---

[1] דער כאַראַקטעריסטישער זאַץ איז אין אָריגינאַל געדרוקט פעטיט.

[2] דער מעמאָראַנדום איז אַ קליין ביכעלע פון 18 זײַטלעך, דרוק-אָרט און יאָר פעלט, א״נ Adresse présentée a l'assemblée Nationale le 31 Août 1789 par les députlés réunis des Juifs, établis à Metz, dans les Trois Evêchés, en Alsace et en Lorraine (Library of the Jewish Theological Seminary, New Jork).
אויף זײַטלעך 17—18 איז אָפּגעדרוקט אַ קורצער מעמאָראַנדום ספּעציעל פון די מעצער דעלעגאַטן.

[3] דער בראַנקאַס (Brancas) שטייער איז געצאָלט געוואָרן צו דער משפחה פון הערצאָג פון Brancas, 40 ליר פון יעדער יידישער משפחה (לויט די תקנות פון 30 נאָוועמבער 1715).
זע: Netter. MfGWJ 1901, 601—605; R. E. J. LXV, 117—128
Wolff C. Les Juifs de Metz et la famille Brancas, (Univers israélite LIII, 1898).

איינע אבזונדרליכע מעמאריאל האבן דיא דעפיטע פון מעטץ אן דער אסאמבלע אהן גגעבן, וועלכע אין ארדענונג אונ׳ אין קארצן גשטעלט וואר דאריך הק׳ ר׳ יש׳ בער בינג[1], וועלכר שאהן אפט זיינע וויסנשאפט צו ערקעניגן האט געבן דאריך זיינע קאסבארע ארבייט״.

וויַיטער גיט ער איבער דעם אינהאַלט פון בינגס מעמאָראַנדום ווי אויך די סומע שטײַערן, וואָס יידן צאָלן. זײַנע ידיעות זײַנען אין אַלגעמיין ריכטיקע, און זייער פּינקטלעכע, ווען עס קומט צו ציפערן.

8

שפּייאר גיט אויך איבער די פאָדערונגען פון די מעצער יידן, וואָס ס׳איז אויך כּדאַי צו לייענען אין אָריגינעלער רעזומירונג (ז׳ 93):

„1° איהנן צו צובייגן די נאטיהרליכע געבירנהייט אינם גמיין אן אללע מענשע וועלכע זיך ניכט אומווערדיג געמאכט האבע מיט מיסטאט.

2° צו ערלאבן דיא פרייאקונסטע אונ׳ האנדווערק.

3° די ערלאבנס גיטטר צו האבן אין די שטעט אונ׳ אויף דעם לאנד.

4° וואן דאך אומגליקליכרווייס געארטיילט ווירט דאז בייא דער יעציגע נייאע געבארנהייט דיא יהודים דאך אבזונדרט אין איהרע גאס בלייבן זאלע, אלזו פאדרט קהל דיא ערלאבנס אין דער גאס אהן צו לייגן לעהרן שולע פון פרייען קונסטע פר דיא ארמע צו אונטר ווייזן.

אויך בווייטט מאן אין דיזום קאיע דאז דיא טיערס אונ׳ דיא אדלס פון מעטץ דיא יהודים ברופן אין איינע גבארנהייט צו ברענגן אום נוטצהאפטיג צו זיין אן דער רעגירונג

די דעפיטיהרטע פון דיא 3 פראווינצע האבן דעם מאהל פערסאנליך קיינע אדינץ גהאט״[2].

וויַיטער גיט ער איבער די יידישע נײַעס פון לינעוויל (Lunéville), פון סאַרגעמין (Sarreguemines). די דאָרטיקע יידן האָבן געפאָדערט, מען זאָל זיי באַפרײַען פון דער יוריסדיקציע פון דער קהילה אין נאַנסי, און געבעטן, אַז זיי זאָלן „צו זיין נעהמליך ווי דיא אנדרע סיטאיען אונ׳ קינפטיג קיינע אבזונדרליכע גמיין צו זיין״. און אַז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג זאָל זיי דערלויבן „צו ערוואלע איין ראבינר אונ׳ פרנסים און דעהמי זיא מעהר לייט זענן אין דיזע צוויא שטעהט, אלז וויא דיא יהודי׳ אין נאנסי״ (ז׳ 94).

זייער אינטערעסאַנט ווערט איבערגעגעבן דער באַקאַנטער מאָמענט, ווען מען האָט אָנגעהויבן אין עלזאַס מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן, און ווי די צוויי ליבעראַלע דעפּוטאַטן קלערמאָן-טאָנער און דער גלח גרעגואַר האָבן זיך אָנגענומען פאַר יידן.

---

[1] ישיע בער בינג, אַ מעצער כּלל-טוער. זײַן מעמאָראַנדום:

Memoire particulicr pour la Communauté des Juifs établis à Metz (Clement O. C. 293).

וועגן זײַן פראַנצויזישער איבערזעצונג פון משה אינסהיימס העברעישער אָדע זע:

Zeitlin. Bibliographie etc., p 78.

ער האָט אויך געשריבן פּאָלעמישע בראָשורן אויף פראַנצויזיש. זע:

Anschel. o. c. XIX, XXIV.

[2] Clement o. c.

[illegible]

[illegible]

„דען 29טען [סעפּטעמבער 1789] האט מען פערנומן ווי דעם פּעפּל אין עלזוס אומערבארמליך אום געהנן מיט דיא יהודי'. גליקליכרווייס דאז קיינר אום געקומן איזט. אבר עז וואר איהנן פיל פערדארבן. דאריך גרויזאמע פאריכט [שרעק] האבן זיך פיל פערלאפן. דיא שטאט (באזיל) אין דער שווייץ גאבעט איהנן שוטץ און פיללע ערלייכטערונג.

דער הער (קלערמאוהן טונער) טעהט דיזום צו וויסן אן דער אסאמבלע אונ' זאגט דאז שאהן לענגסט דיא גשעפטע פון די יהודים איין וואנר [איינוויגער] העט זאלן במערקט ווערן. זיא זענן אומרינגלט מיט דער פיינדשאפט דעס פּעפּל. אלזו ערזוכט ער די אסאמבלע צו במעכטיגן דען פּרעזידענט איין סירקילארע [צירקולאר] בריף צו שרייבן אן דיא בפעהלר דעס פּעפּל און עלזוס דיא יחודים צו האלטן אונטר דער שוטץ פון דיא גזאצע.

דער הער (אבע גרעגוואר) זאגט: ניקס וואר מער בנייטיגט אלז דיזע פר זיכט. אונ' וואן דיא אסאמבלע וואלן בהויבטע די פר שלאגונג פון דעס הער (קלערמוהן טונער) איין עקסטרא קוריהר איזט שאהן בראהט [גרייט] פארט צו געהן. אונ' גליקליך וואן נאך בייא צייטום [בייצייטנס] אהן קומט אום צו רוק צו האלטן די פערהיציגקייט געהגן דיא אומגליקליכע יהודים.

דיזוס איזט אויך אזו גשעהן אונ' דער מיניסטר האט אבזונדרליך אין נאמנס דעם קעניג בפעהל גגעבן מיט דער קעניגליכע מאכט דיא יהודים צו אונטר שוטצן" (ז' 100).

9

דער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם פון אברהם שפּייאר שטאַרצט שטאַרק אַרויס פון זײַן באַשרײַבונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אַזוי למשל דערציילט ער, אַז דעם 14 סעפּטעמבער 1789 האָט זיך אין פּאַריז פאַרשטאַרקט דאָס געבן „פּאַטריאָטישע" נדבות.

„דיזען טאג, דערציילט אונדזער כראָניקער, האט דער פּרעזידענט בייא דער אסאמבלע ערלייגט 600 ליוור וועלכע איהם איבר געבן וואר פאר איינע פּאַטרעיאטעשע גאב פון (טרענעל לע שאנדר)[1] וואנהאפטיג אין פאריז הק' כ"ה משה טרענו פון מעטץ אונ' וויא דער פּרעזידענט אויז געשפּראכן האט דאז דיזע גאב [נדבה] פון איין יהודי' איזט אזו וואר איינע אפּלאדיסעמאנג" (ז' 96).

אַן אַנדערש מאָל דערמאָנט ער אַ צווייטן לאַנדסמאַן זײַנעם משה ווייל[2], וועלכער וווינט אין פּאַריז, אַז ער האָט געגעבן 600 ליר „זיינע איינקונפטע פון איין יאהר פיר איינע גאב... צו דיא ארמע" (ז' 109).

און אָט איז אַ באַריכט וועגן דער יידישער טעטיקייט אין מעץ אין דער קריטישער צײַט פון הונגער. (אַ קאַפּיטל עקאָנאָמישע געשיכטע!)

„אין מעץ – דערציילט אברהם שפּייאר – ווארע די פּרוכטע טייער אונ' גנויא צו האבן. דעם גמיין מעהל קאסטס 4 סוא דאז פּפונד. אלזו האט קהל אן אללע גמיינע לייט מעהל גגעבן אום 2 סוא אונ' האלב. אן דיזעם האנדל האטע זיא עטליכע טויזנד ליוור פערלוסט, דיזען ווינטר קאשטש דאז בראט 3 סוא איין

---

[1] וועגן זײַן משפּחה:
R. E. J. LXVI, 179—180 (Moise Goudchaux Trenelle) LXXXVI, 53.

[2] ווייל, קהילה-פּרנס אין פּאַריז: אין „מאסף" תקע"ט, 371. R. E. J. LXVI, 176, 178.

פפונד און׳ זעהר שלעכט. אלזו האט קהל איינע פרייוויליגע גאב אויף געהאבן און׳ דרייא מונאט אללע וואוך אן דיא ארמע פר בראט געגעבן״ (ז׳ 108).

אויך וועגן דער יידישער צדקה אין פּאַריז וויס ער צו אינפּאָרמירן אונז, אַז „אין דעם מאנאט יולי [1789] בייא דער גראס רעוואליסיאן וואר פר דיא גמיינע לייט זעהר בשווארליך זיך צו ערנערן. אלזו האבן דיא יהודים אין פאריז פריי־וויליגע גאבס [נדבות] אויף געהאבן און׳ דיזען גאנצע מונאט אן יעדר ארמן געגעבן וואז אללע וואוך בענייטיגט וואר״.

חוץ דעם זײַנען אין דער באַשרײַבונג צעוואָרפן אַ סך ידיעות וועגן מעץ, ניט נאָר יידישע, נאָר אויך אַלגעמיינע.

עס איז כּדאַי צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן שפּײַארס זשורנאַליסטישער טעכניק. קיין מקורים פון זײַן אינפאָרמאַציע גיט ער ניט אָן, ווי איך האָב שוין איין מאָל באַמערקט; זיי לאָזן זיך אָבער זייער לײַכט פעסטשטעלן, ווײַל זײַנע ידיעות זײַנען גענומען פון צוויי־דרײַ פּאַריזער צײַטונגען. ער איז אָבער ניט אַלע מאָל זיכער מיט די פאַקטן, וואָס ער גיט איבער. טיילמאָל מאַכט ער אַ באַמערקונג: „מאן זאגט״, „מאן וויל זאגן״, אָדער „עז וואר גשריבן אויז דער שטאט״ אאַז״וו. ווען ער האָט צופיל מאַטעריאַל וועגן איין און דעם זעלבן ענין ווי למשל וועגן די נדבות לטובת דער רעוואָלוציע, ברענגט ער נאָר אַ פּאָר בײַשפּילן און פאַר־ענדיקט אַזוי: „ווירר וואלן זיך ניכט אויף האלטן מיט אללע פאטרעיאטעשע גאבס צו מעלדן, נור וועלכע וואו צו במערקן זיינען״ (דעם 25 סעפּטעמבער 1789) (ז׳ 49).

דער קעניג ווערט באַגריסט פון „יעמרליך פיל פעפל״ [פאָלק] (ז׳ 64), און וועגן דעם ריזיקן עולם אין די גאַסן פון פּאַריז שרײַבט ער:

„עז איזט ניט צו דערשרייבן דאז פיללע פאלק וואז אין אללע גאסע וואר״ (ז׳ 73).

וועגן דעם סכום געוועה בײַם פּאַריזער גאַרניזאָן איז ער ניט זיכער און באַמערקט: „עז איזט אונמעגליך צו וויסן״ אאַז״וו (ז׳ 55).

ווענדיק באַשרײַבן דעם סדר פון דעם קעניגס אַרײַנקום אין פּאַריז (דעם 6 אָקטאָבער 1789), באַמערקט ער: „דיזע בשרייבונג איז ניכט אין אורדענונג צו שטעלן, בווייל דער צוג נעהמליך אזו וואר״ (ז׳ 106).

זײַן שפּראַך איז אַ פאַרדאָרבן עלזאַסער יידיש, ממש אַ קאַריקאַטור פון דײַטש. אַז דאָס איז ניט געווען די שפּראַך, וואָס אין איר האָט מען יענע צײַט גערעדט אין מעץ, אויף דעם זאָגן עדות אַלע שריפטלעכע דענקמעלער, וואָס האָבן זיך אָפּגעהיט פון יענער צײַט. עס איז כּדאַי אָנצווײַזן אויף דער גרויסער צאָל גאַליציזמען אין זײַן שפּראַך און אויף דער משונהדיקער פאָנעטיק און דעם מוט־וויליקן אויסלייג. ער שרײַבט דראָ (אנשאָט דראָא—droit), טעפּיטע (דעפּוטאַט—deputé). אַמאָל לייגט ער אויס „דעפּיטע״ ריכטיק אויפן פראַנצויזישן שטייגער. ער שרײַבט אויך: טעפּיטירטע, דעפּיטיהרטן, דעפּיטירטע, טעפּיטיהרטע אאַז״וו. ער שרײַבט אין איינצאָל: פּראָווינס, מערצאָל: פּראָווינצן. ער שרײַבט למשל אַמאָל

גפֿענקענוס, אָבער אויך: פֿריזוהן (מערצאָל: פֿריזוהנן). ער שרײַבט אַזוי „פֿאָנעטיש" טעדעיום (Te Deum), קוָנד (Comte), רעליִשיאהן (Religion), טאנטן (געצעלט— tente), אפעהרע (affaire), קאָלעש (Collége) אאַז"וו. צווישן אַנדערע אינטערע־סאַנטע אויסלייגן געפֿינען מיר, ווי מיר האָבן שוין געזען, דאָס פֿאַרבײַטן ד אויף ט, טראגונאר (דראגונער), אויזטרוקונג (אויסדריקונג), טעפּינטיהרן (דעפּענדירן), טויארט (דויערט), אטעסדאטום; ווי אויך דעם ק אויף אַ ג: אנטגעהגן, און דעם ז אויף אַ צ: בעצאלדונג. ער שרײַבט: נאציאהן — אָבער דער אַדיעקטיוו איז בײַ אים: נאסיאנאל. ער שרײַבט: געדעכנוס, גדעכנוס, גדענקענוס, ערדענגהונג. אַזוי אויך: גפּרענקענוס (אַ פּראַגע), גאנצום, נעגשטום, יעדרום, ווידרום, אלמוס, ווייטום[1]. פֿון העברעיִזמען האָב איך באַמערקט: שבועה (ער פֿאַרטײַטשט דאָס וואָרט „אייד" אויף ז׳ 6), פּרנסים, יהודים, רבנים, קהילה. דאָס אַלץ.

די לעצטע נאָטיץ אין זײַן כראָניק פֿון דער רעוואָלוציע איז דער באַשלוס פֿון 4 נאָוועמבער, און עס ווערט אָנגעזאָגט, אַז „דיא ערסטע צייטונג" וועט זײַן פֿון 5 נאָוועמבער.

עס בלײַבט אונז דעריבער צו שילדערן די צײַטונג.

10

ווײַזט אויס, אַז אברהם שפּייאר האָט באַלד אָנגעהויבן צו זאַמלען אַבאָנענטן פֿאַר דעם וואָכנבלאַט „צייטונג", וואָס האָט געזאָלט זײַן אַ המשך פֿון זײַנע באַריכטן איבער דער פּאָליטישער טעטיקייט פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג, געשאַפֿן פֿון דעם „אויפרוהר".

אין ערשטן נומער פֿון דער „צייטונג" (פּ׳ חיי שרה) געפֿינען מיר צום סוף פֿון בלעטל אַזאַ נאָטיץ:

„ביז דאטא [ביז איצט] האבע נור די עהר פֿון 100 ליב האבר פֿאר דיזע צייטונג. ניכט דעסטא וויניגר האבע דען אנפאנג גמאכט; אין האפֿענונג דיא פֿער מעהרונג. דיזע וואוך בעפֿינד זיך נור דער איין טרעהט פֿון דער היסטאריע וועלכש זיך קיניפֿטיג אללע צייט פֿרמעהרן ווירט פֿון אללע פֿערלאף, נעהמליך: וואש בייא דער אסאמבלע פֿון יהודים איז גשפּראכן ווארן".

אַלזאָ, מיט הונדערט אַבאָנענטן „ליבהאָבער" האָט דער רעדאַקטאָר אָנגע־הויבן אַרויסגעבן די צײַטונג.

און די פּראָגראַם איז אויך קלאָר פֿון דער נאָטיץ: קודם־כּל אינפֿאָרמירן די יידישע לייענער, וואָס האָט די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג באַשלאָסן בנוגע „דיא יהודים".

---

[1] איך באַצוועק מיט די פּאָר באַמערקונגען וועגן שפּײַארס שפּראַך, פֿאָנעטיק און אויסלייג נאָר צו אינפֿאָרמירן דעם לייענער. זאָלן זיך די פֿילאָלאָגן מער פֿאַראינטערעסירן מיט דעם ענין. איך וויל אויך באַמערקן, אַז אַלע ווערטער וואָס זײַנען אַרײַנגעשטעלט אין די טעקסטן אין קוואַדראַטישע קלאַמערן זײַנען צוגעגעבן פֿון מיר.

זײַן פּלאַן איז לכתּחילה געװען אַרױסצוגעבן יעדע װאָך צװײ בלעטלעך, ד"ה פיר זײַטלעך. דאָס װערט קלאָר פון דער באַמערקונג אין דער זעלבער נאָטיץ. מיר לײענען דאָרטן, אַז „דיא װאוכע צײטונג בעפינד זיך אללע צײט אויף דעם 4טן פלאַט. אונ' פר דיא גאנצע היסטאריע בײא אזאמען צו מאכען מוז מן פון יעדר װאוך דעם 4-טן פלאט אב שנײדן". װײַזט אױס אָבער, אַז מיט 100 „ליבהאָבער" איז דאָס געװען שװער דורכצופירן, און חוץ אײן „דאָפּעלטן" נומער (פּ' תּרומה ופּ' תּצוה) איז יעדער נומער אַרױס אױף אײן בלעטל, ד"ה צװײ זײַטלעך.

די טעכניק פון באַריכטן װעגן די געשעענישן איז די זעלבע, װי אין דער „בעשרײבונג". עס גײען יעדע װאָך די לױפיקע נײַעס פון דער „אסאמבלע נאסיאנאל" מיט גענױע דאַטן און אַפילו די שעהן, װען אַן ענין איז פאַרהאַנדלט געװאָרן. די „יודאַיקאַ" פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער צײַטונג, ניט קלענער, װי אין דער „בעשרײבונג". אַזױ למשל געפינען מיר אין דער צײַטונג פון פּ' ויחי אַן אינטערעסאַנטע נאָטיץ:

„דען 24 סטן [דעצעמבער 1789] װאר אײנע פראגי אויב דיא יעניקע װעלכע ניט קאטאליש [קאַטױליש] זענן סיטאיען ערקענט זאלן זײנן אום אמטע בעזיצן. דער הער (רעדרער)[1] שפּראכט װעגן די (קומעדיאנטן)[2] װעלכע ביז דאטא [ביז איצט] ניקס בעזיצן קאנטע. דער הער (קלערמוהן טאנער) פּראגט דעם נעהמליך װעגן יהודים אונ' רעדט אלז גוטץ. אבר דער (אבע מארע) שפּראכט געגן יהודים דאז זיא ניכט צו בדיהנן זענן פר סיטאיען. דארויף פאלגט אײנע בשלוס, דאז דיא יעניגע, װעלכע ניכט קאטאלעש זענן האבן װיר ערקענט פר סיטאיען אונ' אמטע צו בעזיצטן אנדר [חוץ] דאז די יהודים מיגמײנט זענן װאו דיא אסאמבלע זעלברט איהרע ארטײל אויז שפּרעכן װערן".

דער צענטראַלער פּונקט פון די פּאָליטישע אינטערעסן צװישן די אַשכּנזים איז געװען די פראַגע פון אױסגלײַכן זײ אין בירגער-רעכט מיט די ספרדים, װאָס זײ האָט מען שױן געהאַט אָנערקענט פאַר בירגער פון דער פרײַער פראַנקרײַך. װעגן דעם ענין געפינען מיר זײער אַ סך ידיעות אין דער צײַטונג.

אין דער צײַטונג פון פּ' יתרו לײענען מיר װײַטערדיקע נאָטיץ, װאָס איז כאַראַקטעריסטיש מיט דער באַמערקונג פון דעם רעדאַקטאָר, אַ דערשײַנונג זײער אַ זעלטענע אין דעם דאָזיקן װאָכנבלאַט:

„בײא דעם בשלוס פון דעם 24סטן דיצעמבר [1789] װיא דיא צוטרעטע פר סיטאיען ערקענט װארע, אזו איזט דיא ארטײל פון דיא יהודים אין מעטץ,

---

[1] אַ באַרימטער אַדװאָקאַט (Pierre Louis Roederer, 1754—1855), דער יועץ פון פּאַרלאַמענט אין מעץ, אַ פאַרטײדיקער פון ײדן-רעכט. װעגן אים זע:

Ab. Cahen. L'émancipation des juifs et M. Roederer, R. E. J. I, 82—104.

[2] װעגן דער סאָציאַלער ראָלע פון אַקטיאָר פאַר און בעת דער רעװאָלוציע זע די אַרבעט פון קאָנסטאַנטין דערזשאַװין:

Театр в законодательстве Великой Французской Революции (О театре. 1927, Ленинград 16–17),

װי אויך דעם קאַפּיטל אין קאהנס בוך:

Les Juifs de Paris pendant la Révolution. Ch. III. Les Juifs, les comédiens et le Bourreau 30–45.

עלזוס אונ׳ לוטרינגן צו רוק געשטעלטווירן, בוויל מאן גזעהן האט געהגן ווערטיגע געדאנקן אונ׳ איין טייהל פון די איינוואָרנר אין דיא צווייא לעצטע פּראָווינצן זוכן אללע מיטל געהגן דעם הייליג פעפל [פאָלק] אונבארמהערציגליך זיא צו פערבאנן"[1].

דערבײַ באַמערקט דער רעדאַקטאָר:

„אזו איזט דיא האפענונג צו ערווארטן דיא צייט אונ׳ דיא פערנונפט. אום צו פערניכטן דיא פערשענטליכע מוטמאסונג, וועלכס דיא מענשליכקייט פערדערבט". ער דערקלערט, אַז די דאָזיקע „מוטמאסונג" איז ניט געווענדט קעגן די יידן, וואָס זײַנען „אָנערקענט", ווי: פּאָרטוגעזישע, שפּאַניאָלישע און אַוויניאָנער (ד"ה די אַזוי גערופענע ספרדים), ווײַל יענע פאַרמאָגן פּריווילעגיעס נאָך פון יאָר 1550.

ער גיט איבער די דעבאַטע אַרום דער פראַגע פון צולאָזן די אַשכנזים צו בירגער־רעכט. קיין נײַע מאָמענטן ווערן אין דער צײַטונג ניט אַרויסגעבראַכט. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער די רוּיקייט, וואָס מיט איר אברהם שפייאר גיט איבער די דעבאַטע און דעם רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג — אַז דערווײַל ווערן נאָר די ספרדים אָנערקענט פאַר בירגער. ער פאַרענדיקט זײַן באַריכט מיט די ווײַטערדיקע שוין אַביסל „שטאַרקערע" ווערטער:

„דיזער בשלוס ווער איינע בעשימפונג פר דיא (יהודים) אויז דיא אנדרע פראָווינצן. דארויף זאגט מאן. דאז דיא יהודים אין פאריז אללע איהרע מעגליכקייט אהן ווענדן דיא נייאה געבארנע פרייאהייט מיט צו גניסן. אונ׳ דאריך איהרע אויף ריכטיגקייט טאהנן גראסע הערע פר איהנן גוט שפרעכן, מאן בפעריכט אבר איינע פערהינדערונג דוריך היזיגע לייט וועלכע ניכט דיא עמפינדונג האבע אונזרע נאך קומליגג דיא יעציגע גליקליכע צייט פר איינע ערבטייל צו לאסן. אויף גאטש פערזארגונג איז אונזרע האפענונג".

אין דער צײַטונג פון פּ׳ תשא ווערט נאָך אַמאָל געבראַכט אַ ידיעה וועגן די יידישע רעכט. דאָס מאָל האַנדלט זיך וועגן די באַמיִונגען פון דעם גלח מ י ל אָ (Abbé Mulot), וואָס ווערט איבערגעגעבן אויף אַ טרוקענעם, רעפּאָרטערישן אופן:

„דעם 26סטן [פעברואַר 1790] האט דער הער (אבע מילא) אן דער אסאמבלע אהן געגעבן איין מעמארעיאל אין דער קאפיטאל איהנן צו צוגייגן דען געהמליכע בשלוס וואו די אסאמבלע גגעבן האט אן דיא פארטעגיזע, שפאניאלער אונ׳ אוויניאנעזר יהודים. דער פרעזידענט האט אנטוואָרט: דיא אסאמבלע פינד זיך שולדיג צו שוטצע דיא פרייאהייט אונ׳ דיא גרעכטיגקייט אן אללע טייהל (סיטאיען) אונ׳ זיא ווירן איבר זעהן מיט העכסטער האכאכטונג דען אין האלט פון דיזען מעמארעיאל"[2].

אין אַ גוטער שטימונג ברענגט אים אַרײַן דער באַשלוס פון איינער פון די פּאַריזער סעקציעס בנוגע די בירגער־רעכט פון יידן. דאָס איז דער „קאַרמעליטן־דיסטריקט". דער דאָזיקער באַשלוס ווערט פון א ב ר ה ם ש פ י י א ר באַשריבן גאָר אויספירלעך, און עס איז דעריבער כדאַי צו ברענגען די ידיעה אינגאַנצן:

---

[1] אייגנטלעך האָבן די יידן פון באָרדאָ באַקומען רעכט דעם 21 דעצעמבער 1789; פון אַוויניאָן דעם 28 יאַנואַר 1790. אין אַלגעמיין איז דער ענין פאַרענדיקט געוואָרן דעם 27 סעפּטעמבער 1791. זע: Clement. o. c. 229–230.

[2] די דאָזיקע נאָטיץ איז אַרויסגענומען פון: Le Journal de Paris, No 58, 27 II, 1790.

„דיא דיסטעריק פון קארמעליט [district des Carmélites] האבן איינע בשלוס געמאכט דאז דיא יהודי' זאלן פר סיטאיען ערקענט ווירן. זיא בעפינדן דאז אללע מענשע וואנהאפטיג אין דעם קעניג־רייך די נעהמליכע געביהרענדט פון דיא בארגר האבן זאלטע אונ' דאז די אונטר שייד פון דיא געדאנקן דעם גלאבנס ניקס פערהינדרן קאן אונ' דאז יעצונד דיא צייט איזט וואו דעם פעפל זיך אב טאהן קאן דיא יאך פון דיא שלעכטע מוטמאסונג. אום ווידרום צו בפעסטיגן אין דערא גלייכהייט דיא געביהרנדס. דא בייא האבן זיא צו ערקענן געבן דאז דיא יהודי' וואנהאפטיג אין פאריז אללע צייט איהרע רעדליכקייט אונ' אייפריגקייט ערצייגט האבע און אין דערא יעציגע רעוואליסיאהן האבן זיא אין העכססנס בעוויזן איהרע פערדיהנסליכע פאטרעיאטעשהייט. אלזו פערלאנגן זיא דאז מן געבן זאל אן דיא יהודי' אין פאריז איינע אפינבארליכע צייגנוס אונ' אונפערברעכליך אויף איהרע פאטרעיאטעישע אויף פיהרונג אונ' אויף דער טונבד איהרע גהיימנוסע ווערקונג. אונ' אויף דער צייגנוס פון דער דיסטעריק פון קארמעליט. זאל איהרע אהן בעטונג פר סיטאיען אין העכסטר האכמוטיגקייט אויז געשפראכן ווירן. דיזער בשלוס האבן זיא פרגלעהזן בייא דר (קאמין) [commune] אזו בפינדט זיך איין גייסטליכר וועלכר וואונדר־בארליכע געדאנקן אפינבארט האט צו גפעהליך דיא יהודים. פון דיזן דיסקוהר איזט פיל צו שרייבן. דארויף וואר איינע בשלוס, דאז דער בשלוס פון דער דיסטעריק פון קארמעליט אין אללע 60 דיסטע־ריקס אין דר קאפיטאל איבר שיקט זאל ווירן אום איהרע בעווילעגונג צו געבן אונ' וואן נור דאז מיינסטע טייהל פון דיזע בייא פאל געבן אלזו ווערע דיזע הערע זעלברט בדיהנן פאר צו דעפיטיהרע אונ' ווירן דיזע שריפט אן דער אסאמבלע נאסיאנאל אהן געבן"[1].

דער לעצטער נומער פון דער צײַטונג איז דאַטירט: פּ' צו און נעמט אַרום די געשעענישן פון דעם 13 ביזן 18 מערץ 1790.

צום סוף לייענען מיר אַזאַ מעלדונג:

„נון האבע וויר דיא איסטאריע פון דער רעוואליסיאהן אונ' פון דער אסאמבלע נאסיאנאל פער פערטיגט ביז אן דער ערסטע צייטונג, וועלכע גלייך נאך פאלגט אונ' קינפטיג ווירד אללע וואוך צווייא בלאט צייטונג צו דיזען נאך פאלגן".

ער האָט אָבער די צײַטונג מער ניט אַרויסגעגעבן. די סיבות דערפון קען מען לײַכט פעסטשטעלן. ער האָט קודם כּל געהאַט ווייניק אַבאָנענטן (אויף דעם באַוויַזט צום בעסטן, אַז אונזער עקזעמפּלאַר איז כּמעט דער איינציקער, וואָס איז ביז איצט אויסגעפונען געוואָרן). ווײַטער זײַנען געקומען די רדיפות אויף דער „דײַטשער" שפּראַך פון די עלזאַסער יידן (מ'האָט זיי באַשולדיקט אין „דייטשן פּאַטריאָטיזם"). ס ע ר ף ב ע ר האָט צו זיי אַפּעלירט, זיי זאָלן אויפהערן צו ריידן „יידיש־דײַטש". דערנאָך איז געקומען דער טעראָר און די תּקופה פון „שכל־הער־שאַפט", וואָס האָט אַזוי שטאַרק אָנגעגרירט די פרומע יידן אַדאַנק דעם קעמפע־רישן כאַראַקטער פון דעם רעוואָלוציאָנערן אַטעיִזם.

עס איז כּדאַי צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער ספּעציעלער בײַלאַגע, וואָס האָט ערשײַנט אין שײַכות מיטן קיניגס באַזוך אין דער נאַציאָנאַלער פאַר־זאַמלונג, דעם 4 פעברואַר 1790.

אַזוי ווי דאָס איז געווען די איינציקע וויכטיקע געשעעניש יענע וואָך, האָט

---

[1] זייער Arrêté (באַשלוס) איז דאַטירט: 30 יאַנואַר 1790. דער פראַנצויזישער טעקסט איז אָפּגעדרוקט in extenso בײַ:

H a l p h e n. Recueil des lois, décrets et ordonnances concernant les Israélites etc. Paris 1851, p. 2–3.

אברהם שפּייאר קיין באַזונדער צײַטונג ניט אַרויסגעגעבן. דערבײַ גיט ער אָן אין זײַן דערקלֿערונג די מקורים, וואָס פֿון זיי האָט ער געשעפּט מאַטעריאַלֿ פֿאַר זײַן בײַלֿאַגע (ממילא אויך פֿאַר דער „צייטונג“ בכלל):

„דעסט אורזאך האב דיזע וואוך קיינע אבזונדרלֿיכע צייטונג אויז געגעבן אונ' אום מיינע פּערספּרעכונג ניכט צו הינטר לֿאסן האבע אלֿלֿע מיינע שוואכהייט ערוועקט דיזען דיסקוהר אן מיינע לֿעהזר טייהלֿ צוגעבן. פֿילֿלֿייכט מעכטע עטלֿיכע דיזען דיסקוהר מיט איינע אנדרע אויף גאב גלֿעהזן האבע. בווײלֿ אין דיפֿערענטע מאניר געדרוקט איז. ניכט דעסטא וועניגר איז דער אין האלט צו גלֿייך. איך האבע זולֿכס אויז איין פּעריאַדים פּאפּיער פֿון וועלֿכם זיך נענט: אסאמבלֿע נאסיאנאַלֿ, קאמין דע פּאריז, ע קאר אדמיניסטראטיף דו ראָיאם“ [Assemblée nationale, Commune de Paris et Cour Administratif du Royaume].

דאָס איז דער אײנציקער מקור, וואָס ווערט אין דער צײַטונג אָנגעוויזן, הגם, ווי מיר האָבן פֿעסטגעשטעלֿט, האָט אברהם שפּייאר באַנוצט אַ פּאָר פֿראַנצויזישע צײַטונגען, דער עיקר פּאַריזער (די בעסטע מקורים!).

11

דאָס בילֿד פֿון דער יידישער אָדער יידיש-דײַטשער זשורנאַלֿיסטיק פֿון יענער צײַט וואָלֿט ניט געווען פֿולֿ, ווען מיר וואָלֿטן צום סוף ניט געבראַכט אַ ידיעה וועגן אַ קאָנטררעוואָלֿוציאָנערער בראָשור, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1793.

די דאָזיקע בראָשור איז ניט פֿאַרנאָטירט אין קיין שום ביבֿליאָגראַפֿיע. דער עקזעמפּלֿאַר, וואָס איך באַנוץ, געפֿינט זיך אין דער ביבֿליאָטעק פֿון דעם יידישן טעאָלֿאָגישן סעמינאַר אין ניו-יאָרק:

דער שער-בלֿאַט לֿייענט זיך אַזוי:

לֿודוויג דער XVI / קעניגס פֿאן פֿראנקרייך / אורטיילֿ אונד טאד / אדר / דעס דענקמאהלֿ דער אונגרעכטיגקייט / אויז עפֿענטלֿיכען נאכריכטן אונד אורגי-נאלֿ בריפֿן / אויז דעם דייטשן אינס העברעשע [!] איברזעצט /

געדרוקט אין דעם עלֿזינוואנגרישען בוכדרוקרייא נומרא 51 1793.

דאָס ביכעלֿע באַשטייט פֿון 18 ניט פּאַגינירטע בלֿעטער, קלֿיין 8^0.

די שפּראַך איז ניט העברעיִש, נאָר דײַטש מיט העברעיִשע אותיות. דאָס איז אַ פּינקטלֿעכע טראַנסקריפּציע פֿון אַ דײַטשער קאָנטררעוואָלֿוציאָנערער פּאַנע-גיריקע צום אָנדענק פֿון געקעפּטן קיניג. דאָס ביכלֿ האָט אַזאַ מאָטאָ:

„מיין פֿאלֿק! וואז האָב איך דיר געטאן?

אדר ווארין האב איך דיך בעטריבט?“

דאָס לֿיד אויף דעם לֿעצטן זײַטלֿ פֿון דער דאָזיקער זעלֿטענער בראָשור וועט צום בעסטן כאַראַקטעריזירן איר אינהאַלֿט און איר שפּראַך:

אויף לודוויג דעם 16 טאט.

געקרענטר מארטירער! דואווירשט
דער טראסט אונגליכער רעגענט!
דיא קראנע דיא דוא היר פערלירסט!
עמפאנגסט דוא דארט אויז ענגל הענדן
דער מארדשטאהל האט דיך ניכט ענט הערט!
באלד ווערדן דיינע מערדר זאַגן:
ער וואַרר דורך זיינן טאט עז ווערט
זיא נאך יאהר הונדטע צו טראַגען

דאָס ביכל איז געדרוקט אין פּראָג, ווו איגנאַץ עלזענוואַנגער (אַ קריסט) האָט אין די יאָרן 1792–1806 געהאַט אַ דרוקעריַי מיט העברעיִשע אותיות[1].

דאָס ביכל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין שײַכות מיט דער שטאַרקער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די פראַנצויזישע ראָיאַליסטישע עמיגראַנטן האָבן דעמאָלט אָנגעפירט אומעטום, אויך אין עסטרײַך.

אָבער דאָס איז אַ באַזונדער ענין.

דאָ האָבן מיר נאָר געוואָלט פאַרצייכענען ביבליאָגראַפיש אַ גרויסע זעלטנ־קייט, וואָס איז אַפילו ניט פאַרנאָטירט אין דער ניט לאַנג דערשינענער ביבליאָ־גראַפיע פראַגער יידישע דרוקן פון די יאָרן 1733–1828[2].

די דאָזיקע קאָנטררעוואָלוציאָנערע בראָשור, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף דײַטש מיט העברעיִשע אותיות, ווי אַ סך דעמאָלדיקע פראַגער דרוקן (זייער רשימה אין פריימאַנס ביבליאָגראַפיע), איז דער לעצטער אָנדענק פון דער יידישער סביבה אין שײַכות מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

עס זײַנען נאָך פאַראַן אַ פּאָר זכרונות פון מיטצייטלער געשריבן אין עלזאַסער יידיש (אָפּגעדרוקט אָבער אָדער אין אַ דײַטשער אָדער אין אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג) – זיי וועלן זײַן אַן אָביעקט פון אַ באַזונדערער שטודיע.

---

[1] Josef Volf. Geschichte des Buchdruks in Böhmen und Mähren bis 1848. Weimar, 1928, 140.
פריימאַן (זע הערה 2) גיט ניט ריכטיק אָן, אַז די דרוקעריַי איז אונטערגעגאַנגען אין 1803. זע אויך:
Volf. Z dějin pražskych židovskych knihtiskáren v 17 vêku (Vĕstnik Učené společnost, 1927 43 sq).

[2] Freimann. Die hebräischen Druckereien in Prag. Soncino-Blätter III, 189–219,